בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# מַיין פַּרְשָׁה בִּיכְל

## פַּרְשַׁת וַיְחִי

כיתה ב' (א-ב)

הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו

הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט:

דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק
וַיְחִי יַעֲקֹב...

וַאֲנִי בְּבֹאִי מִפַּדָּן...

דִי לֶעצְטֶע פָּסוּק
וַיָּמָת יוֹסֵף...
חזק חזק וְנִתְחַזֵּק

# אינהאלט פון די וואך

## ויחי יעקב

יעקב אבינו האט געלעבט אין מצרים זיבעצן' יאהר און אלע זיינע לעבנ'ס יאהרן צוזאמען זענען געווען הונדערט זיבן אין פערציג יאהר.

## הנה אביך חולה

ביז יעקב אבינו איז קראנק געווארן, איז געווען די סדר, אז ווען א מענטש האט געניסט איז ער גלייך אוועק פון די וועלט, האט יעקב מתפלל געוועהן און געבעטן פון השי"ת אז א מענטש זאל נישט גלייך שטארבן, נאר ער זאל קודם זיך נישט גוט פילן, ס'זאל נישט זיין פלוצלינג, יעצט ווען יעקב האט זיך נישט גוט געפילט, האט ער געוואוסט אז ער דארף שוין נפטר ווערן, האט ער געשיקט אפרים וואס האט געלערנט מיט אים תורה, זאל גיין רופן זיין טאטן יוסף ער זאל קומען צו אים, און יוסף איז שנעל געגאנגען מבקר חולה זיין, יעקב האט אים געבעטן וויבאלד ער האט די מעגליכקייט צו אויספירן זיין בקשה ווייל ער איז דער משנה למלך, זאל ער אים נישט באגראבן אין מצרים, נאר ער זאל אים פירן קיין ארץ ישראל אין מערת המכפילה, און מיט דעם וועט ער טוהן א חסד של אמת, א אמת'דיגע חסד, ווייל וואס מען טוט א חסד מיט א נפטר, איז עס א אמת'דיגע חסד, ווייל מען ווארט נישט אז דער נפטר זאל אים באצאהלן פאר דעם, ווייל א נפטר קען נישט צוריק באצאלן, יוסף האט געשוואוירן פאר זיין טאטע אז ער וועט טוהן זיין געבעט.

## ברכת הבנים

נאך א שטיקל צייט איז יעקב אבינו געווארן שטארק קראנק, און יוסף איז אים געקומען מבקר חולה זיין, האט ער מיט גענומען זיינע

צוויי קינדער מנשה און אפרים, כדי יעקב זאל זיי בענטשן, ווען יעקב האט געהערט אז יוסף קומט, האט ער זיך אויפגעזעצט צו מכבד זיין זיין זוהן וואס איז א קעניג, יעקב האט נאכאמאל געבעטן יוסף וואס ער האט אים שוין געבעטן ער זאל אים באערדיגן אין מערת המכפילה, און פאר זיין מאמע רחל האט ער נישט אזוי געטוהן, נאר ער האט איר באערדיגט אין אפרת אויפן וועג, אבער ער האט עס געטוהן ווייל דאס איז געוועהן דער ווילן פונעם באשעפער, אז ווען די אידן וועלן פארטרייבן ווערן פון ירושלים, זאלן זיי קענען אריבער גיין דעם קבר רחל, און מתפלל זיין.

יעקב האט אויסגעדרייט זיינע הייליגע הענט בכוונה, זיין רעכטע האנט זאל זיין אויף אפרים, און יוסף האט געוואלט צוריק אויסדרייען, האט אים יעקב געזאגט אז מנשה איז טאקע גרויס און וועט זוכה זיין צו אופשטעלן שיינע דורות צדיקים, אבער פון אפרים וועט ארויס קומען פיל מעהר צדיקים, און עס וועט ארויס קומען פון אים יהושע בן נון וואס וועט פירן און ארויס העלפן די אידן.

יעקב האט זיי געבענטשט המלאך הגואל וכו׳ און ישימך אלקים כאפרים וכמנשה (מען האט מדגיש געווהן אז א חשובע זאך אדער א מצוה מאכט מען מיטן רעכטן האנט).

יעקב אבינו האט צוזאמען גענומען אלע קינדער און געוואלט אויסזאגן ווען משיח וועט קומען, און ס׳איז אים פארגעסן געווארן דער צייט, ער האט געבענטשט יעדן קינד עקסטער מיט זיין ברכה, און ער האט אויך אנגעזאגט מיטצונעמען טענער-האלץ אין מדבר וואס ער האט אליין איינגעפלאנצט אין מצרים, כדי מ׳זאל פון דעם בויען דעם משכן אין מדבר.

## פטירת יעקב

ווען יעקב איז נפטר געווארן האט יוסף מיט אלע קינדער פון יעקב זייער געוויינט, און מ'האט געמאכט א גרויסע לויה, און אלע קנעכט און חשוב'ע און עלטסטע פון מצרים האבן באגלייט, און יוסף האט געשטעלט זיין קרוין אויף דעם ארון, און ווען אלע קעניגן פון אלע לענדער האבן געזעהן וואס יוסף האט געטוהן, האבן זיי אויך ארויף געלייגט זייער קרוין אויפן ארון.

## קבורת יעקב

ביים מערת המכפילה האט עשו געוואלט שטערן די לויה, און האט נישט געלאזט באערדיגן, מיט א טענה אז דער פלאץ געהערט פאר אים, האט יוסף געשיקט נפתלי וואס האט געקענט לויפן זייער שנעל, ער זאל ברענגען דעם שטר אז די פלאץ געהערט פאר יעקב, און דעמאלטס האט חושים בן דן אפגעהאקט דעם קאפ פון עשו, און דער קאפ איז אריין געפאלן אין דעם מערת המכפילה.

## עשרה בטבת

עשרה בטבת פאסטן די גרויסע מענטשן, ווייל אין די צייטן פון בית המקדש האבן זיך פיל אידן נישט גוט אויפגעפירט, און געזינדיגט, נישט אכטונג געגעבן ווי אזוי צו מאכן א ברכה, און נישט געפאלגט די עלטערן און די רבייס, און נישט אכטוג געגעבן נישט צו טשעפענען אדער פארשעמען חברים, האט השי"ת געשיקט דורך די נביאים, זיי זאלן זאגן מ'זאל תשובה טוהן, אבער ליידער האבן אסאך נישט געפאלגט, איז נבוכדנאצר הרשע געקומען קיין ירושלים, און פארמאכט די טויערן, און עס איז געווארן א גרויסע הונגער, און ווער עס איז ארויס האט מען גע'הרג'עט, און מ'האט דעם טאג אנגעהויבן דעם גרויסן חורבן, וועגן דעם פאסטן מען דעם טאג און מען טוט תשובה און מען בעט שיבנה בית המקדש במהרה בימינו אמן.

# שאלות מיט תשובות

**וועלכע פרשה איז די וואך ?**

ויחי.

**וויפיל יאר האט יעקב אבינו געוואוינט אין מצרים ?**

יעקב אבינו האט געוואוינט אין מצרים זיבעצן יאר.

**וואס האט אפרים דערציילט פאר יוסף ?**

אז יעקב איז קראנק.

**וועלכע מצוה האט יוסף מקיים געוועהן ווען ער איז געוועהן ביי יעקב ?**

ביקור חולים.

**ווער איז געוועהן דער בכור פון יוסף ?**

מנשה.

**ווי אזוי האט געהייסן דער קליינער זוהן פון יוסף ?**

אפרים.

**אויף וועמען האט יעקב ארויף געלייגט די רעכטע האנט ?**

אויף אפרים.

**פארוואס האט ער געלייגט די רעכטע האנט אויף אפרים ?**

ווייל פון אים וועט ארויסקומען יהושע בן נון.

**וואס האט ער זיי געבענטשט ?**

המלאך הגואל... און ישימך אלקים...

**וואס האט יעקב געבעטן פון יוסף ער זאל אים טוהן נאך זיין שטארבן?**

ער זאל עם נישט באערדיגן אין מצרים.

**וועלכע כבוד האבן די גוי'שע קעניגן געגעבן פאר יעקב ביי די לויה ?**

זיי האבן געלייגט זייער קרוין אויפן ארון.

**ווער האט געשטערט צו באערדיגן יעקב ?**

עשו, ער האט געזאגט אז ס'איז זיין פלאץ.

**ווער האט אים גע'הרג'עט?**

חושים בן דן.

**וואו איז אריין געפאלן זיי קאפ ?**

אין מערת המכפילה.

**ווי אלט איז יוסף געווען ווען ער איז נפטר געווארן ?**

הונדערט און צעהן יאהר.

**פארוואס פאסט מען עשרה בטבת ?**

ווייל עשרה בטבת איז נבוכדנאצר אנגעקומען קיין ירושלים, און ער האט עס ארומגענומען, כדי צו חרוב מאכן דעם בית המקדש.

# - כולל ענינים -

**<u>סימן טו. די מצוה אן א גרעניץ</u>**

א. אלע מצוות אין די תורה הק' האבן א שיעור, למשל מצות עסן פסח ביינאכט, איז דער שיעור א כזית, א תחום שבת איז צוויי טויזנט איילן, טאן א ארבעט מוצאי שבת, עסן מוצאי יום כיפור, איז 72 מינוטן נאך די שקיעה, נאך זון אונטערגאנג אבער די מצוה פון מכבד זיין עלטערן האט נישט קיין שום שיעור, נאר עס גייט אריבער ווייט אלע גרעניצן.

ב. די חכמים האבן געפרעגט דעם תנא רבי אליעזר: ביז וואנען דערגרייכט די פליכט פון כיבוד אב ואם? האט ער געענטפערט: אפילו זיי נעמען א טאש פיל מיט גאלדענע רענדלעך אוןווארפן דאס אריין אין ים, זאל מען זיי נישט פארשעמען דורך זאגן א שטרענג ווארט, פארוואס זיי האבן דאס געטוהן.

ג. אויף איינעם דערציילן די הייליגע חכמים, אז די מוטער איז געווען נעבעך קראנק, האט זי פארשעמט איר זון א מענטש וואס איז געווען חשוב געשעצט ביי אלע גרויסע לייט, ברבים קעגן יעדן. זי האט אים געשפיגן אין פנים, און געשלאגן, שטארק מבייש געווען קעגן אלע גרויסע לייט, און דער זון האט אלעס אנגענומען מיט ליבשאפט פון זיין מאמע'ן.

ד. די חכמינו ז"ל דערציילן אז דער תנא רבי טרפון איז געווען אמאל קראנק, זענען אריין די חכמים אים מבקר חולה זיין, האט זיין מוטער געזאגט צו זיי: זייט מתפלל פאר מיין זון רבי טרפון וואס גיט מיר כבוד מער ווי ער דארף, "וואס האט ער געטוהן?" האבן די חכמים איר געפרעגט.

האט זי אזוי דערציילט פאר די הייליגע חכמים, אמאל שפאצירנדיג שבת ביי איר אין הויף האט זיך צוריסן איר שיך און דאס איז אראפ געפאלן פון

פוס, האט רבי טרפון געלייגט זיינע הענט אונטער אירע פוס און זי איז אזוי געגאנגען ביז צו איר שטוב אריין און ארויף אויפן בעט, האבן די חכמים געזאגט: ווען מען מאכט אפילו טויזנטער מאל אזוי האט מען נאך אלץ נישט דערגרייכט צו א העלפט פון כבוד פליכט וואס די תורה האט געהייסן. (קידושין ל"א, תוס').

ו. נאך א זאך האט זיך רבי טרפון געפירט, ווען זיין מוטער איז געווען שוואך אויף די עלטער, האט זי נישט געקענט אליין ארויף גיין און אראפ גיין פון בעט, האט זיך רבי טרפון אראפ געבויגן, געמאכט פון זיך א שטאפל, אז זי די מוטער זאל טרעטן אויף אים כדי צו קענען גרינג ארויף גיין און אראפ גיין פון בעט.

ז. רש"י זאגט (אין פרשת חיי שרה) לבן איז געווען א רשע ווייל ער האט געענטפערט פריער ווי זיין פאטער, בתואל. דער טיטל "לבן הרשע" איז אים שוין פארבליבן ביז היינט, און אנגעפאנגען זיין רשעות האט ער מיט עזות'דיג זיין צו זיינע עלטערן, "קודם" געענטפערט, פריער פונעם טאטן.

ח. מען זאגט נאך פון א ערליכן איד, מען האט אים געפרעגט, איינער וואס די עלטערן וואוינען זייער ווייט, ער האט קוים פרנסה בצימצום, און ער האט נישט קיין געלט אויף שפעזן, זיי צו באזוכן, וואס זאל ער טוהן?, זיך בארגן?, אדער גיין בעטן נדבות, אדער וואס דען?, האט דער רב דער ערליכער איד געענטפערט, בארגן און נעמען פון צדקה הייס איך נישט, אבער גיין באזוכן זיי צופיס, דארף מען זיכער, דאס איז א מצוה פון כיבוד אב ואם.

ט. שלמה המלך דער גרעסטער חכם, צדיק און נביא אמת, בארימט זיך אין ספר משלי, אז זיין מוטער איז שטרענג געווען צו אים, זי האט אים אלעמאל געציכטעט, גע'מוסר'ט געשטראפט, און ער האט אלעמאל געפאלגט, אזוי וואקסט מען אויס א שלמה המלך.

# שאלות אויף כולל ענינים

**א. וויפיל דארף מען מכבד זיין די טאטע מאמע ?**

נישטא קיין שיעור אלעמאל דארף מען נאך מכבד זיין.

**ב. וואס דארף מען טוהן אויב די טאטע מאמע האבן אריינגעווארפן זיין פעקל געלט אין ים ?**

מ'טאר זיי נישט פארשעמען אויף דעם.

**ג. וואס האט רבי טרפון מכבד געווען זיין מאמע ?**

ער האט אונטער געלייגט זיין האנט אונטער זיין מאמע'ס פוס אנשטאט די שיך.

**ד. וואס נאך האט רבי טרפון מכבד געווען זיין מאמע ?**

ער האט זיך אראפ געבויגן לעבן די בעט, אז זיין מאמע זאל קענען אנקומען גרינגער צו די בעט.

**ה. ווען וואס איז לבן געווען א רשע ?**

ווייל ער האט אריינגערעדט פאר זיין טאטע.

**נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון**

# הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ______________ ני"ן**

**השיב על שאלות פרשת השבוע:** ______________________

**שאלות אויף כולל ענינים:** ______________________

**חומש:** ______________________

**ברכת המזון:** ______________________

**התנהגות כללית:** ______________________

**קר"ש שעל המיטה:** ______________________

**התפלל:** ______________________

**הערות:** ______________________

**חתימת ההורים** ______________________